**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האוקאל אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 22 מיליאן דאלארדיגע שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין סענטראל האַרלעם

### *Homeward Central Harlem וועט צושטעלן 50 היימער פאר יונגע ערוואקסענע אין א LGBTQ-פרייינטליכע אטמאספערע מיט שטיצע סערוויסעס פון Homeward NYC*

גאווערנאר קעטי האוקאלהאט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף א 22 מיליאן דאלארדיגע LGBTQ-פרייינטליכע שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט פאר יונגע ערוואקסענע וועלכע זענען געווען היימלאז אין די פארגאנגענהייט. די דעוועלאפמענט – באקאנט אלץ Homeward Central Harlem (אהיים סענטראל הארלעם) – וועט אריינרעכענען 50 אפארטמענטס מיט אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס צוגעשטעלט דורך Homeward NYC (אהיים, NYC).

"עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צו האבן א זיכערע פלאץ וואס זיי קענען רופן היים, און Homeward Central Harlem נעמען אויף זיך די מיסיע פאר יונגע ערוואקסענע וועלכע דארפן א זיכערע פלאץ וואו צו וואוינען", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו פארברייטערן שטיצנדע האוזינג געלעגנהייטן פאר שוואכערע באפעלקערונגען, באזונדערס פאר LGBTQ יוגענטליכע וועלכע ווערן באטראפן דורך היימלאזיגקייט מער פון אנדערע. מיט האוזינג וואס זיי קענען זיך ערלויבן און צוטריט צו סערוויסעס אוועקגעשטעלט אויפן פלאץ פאר די וועלכע דארפן דאס די מערסטע, קענען מיר העלפן אלע ניו יארקער צו בליהען, וואקסן און מצליח זיין."

Homeward Central Harlem וועט באשטיין פון אן איינצלנע ניין-שטאקיגע געביידע מיט 50 פולשטענדיג אויסגעשטאטע סטודיאָ אפארטמענטס און איין יוניט פאר א משגיח. איינוואוינער מוזן זיין צווישן 18 און 24 יאר אלט אויפן טאג פון אריינקום, און זיי וועלן געשיקט ווערן צו די אפארטמענטס דורך די דעפארטמענט פאר היימלאזע סערוויסעס (Department of Homeless Services), די דעפארטמענט פון יוגענטליכע און קאמיוניטי אנטוויקלונג'ס (Department of Youth and Community Development) אנטלויפנדע און היימלאזע יוגענטליכע פראגראם (Runaway & Homeless Youth program) און דורך די אדמיניסטראציע פאר קינדער'ס סערוויסעס פאַסטער קעיר (Administration for Children's Services Foster Care). האַוזינג איז נישט באגרעניצט אין צייט, מיינענדיג אז איינוואוינער מוזן זיך נישט ארויסציהען אויף זייער 25'סטע געבורטסטאג.

Homeward NYC איז דער פראָווײדער פון די אויפן-ארטיגע האַוזינג און סאָושעל וואָרק סערוויסעס. סערוויסעס רעכענען אריין קאַונסעלינג, קעיס מענעדזשמענט פאר איינוואוינער זיי צו העלפן באקומען פינאנציעלע און העלט קעיר בענעפיטן, פארבינדונגען מיט קאמיוניטי רעסארסן, גרופע אקטיוויטעטן און פראגראמען צו זיך לערנען סקילס. Homeward NYC איז אויך די אייגנטימער און אנפירער פון אן איינריכטונג פאר אלע עלטערס אין די אָפּער וועסט סייד וואו זיי שטעלן צו שעלטער פאר פאמיליעס און האוזינג פאר עלטערע מענטשן פאר צוגענגליכע פרייזן.

די געביידע – וועלכע געפונט זיך אויף West 118th Street 15 – וועט אריינרעכענען ענערגיע-שפארזאמע איינריכטונגען פאר הייצונג און קילונג סיסטעמען, באלייכטונג און מעבל. די געביידע וועט אויך אדרעסירן אומגלייכקייטן אין צוטריט צו קאמיוניקאציע טעכנאלאגיע פאר איינוואוינער דורכן פארזיכערן אז יעדע אפארטמענט האט צוטריט צו אינטערנעט פאר נידעריגע פרייזן.

די קאָו-דעוועלאפערס זענען Type A Projects און Azimuth Development Group.

סטעיט פינאנצירונג פאר די דעוועלאפמענט רעכנט אריין צוגעטיילטע פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן איבער 14 מיליאן דאלאר אין פריוואטע עקוויטי, און נאך 2.5 מיליאן דאלאר אין סאבסידיס פון די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל ( Homes and Community Renewal, HCR). Enterprise Community Partners טוט ביישטייערן 1.8 מיליאן דאלאר אין סאָבסידי. KeyBank האט צוגעשטעלט א 12.8 מיליאן דאלארדיגע קאנסטרוקציע הלוואה.

שטיצנדע סערוויסעס וועלן פינאנצירט ווערן דורך די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (Department of Health and Mental Hygiene), און רענט הילף וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון האוזינג אויפהאלטונג און אנטוויקלונג (Department of Housing Preservation and Development, HPD).

**HCR קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "די נייע דעוועלאפמענט וועט צושטעלן פאר 50 יונגע מענטשן די זיכערהייט, הדרכה און ווארעמקייט וואס זיי דארפן צו ערגרייכן זייער פולע פאטענציאל און לעבן פרייליכע, געזונטע און סוקסעספולע ערוואקסענע לעבנס. עס מאכט זיך צו אפט אז LGBTQ מענטשן באגעגענען זיך מיט דיסקרימינאציע און שוועריגקייטן וואס קיין איין יונגער מענטש דארף נישט אנטרעפן. מיט רענט וואס זיי קענען זיך ערלויבן און ספעציעלע צוגעפאסטע סערוויסעס, וועט Homeward Central Harlem צושטעלן פאר איינוואוינער די זיכערע אטמאספערע און מיטלען וואס זיי דארפן זיך צו היילן. אונזער אינוועסטירונג וועט רעדוצירן היימלאזיגקייט און ערגרייכערן די LGBTQ קאמיוניטי אין ניו יארק סיטי פאר פילע צענדליגע יארן."

**HPD קאמישאנער לוּאיס קעראל האט געזאגט,** "Homeward Central Harlem איז א ביישפיל פון די סיטי'ס אויסערגעוועגטליכע אינוועסטירונגען אין לעבנס-טוישנדע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן וועלכע דינען טייל פון אונזערע שוואכסטע שכנים. מיר זענען דאנקבאר פאר אונזערע שותפים אין די סיטי און אין די סטעיט, פאר Type A Projects, פאר Azimuth Development און פאר Homeward NYC פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן הערליכע, נייע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן פאר יונגע ערוואקסענע וועלכע זענען געווען היימלאז אין די פארגאנגענהייט, וועלכע וועלן האבן צוטריט צו אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס אויסגעשטעלט צו העלפן LGBTQ יוגענטליכע צו בליהען."

**מאנהעטען באראו פרעזידענט געיל א. ברוּער האט געזאגט,** "Homeward Central Harlem וועט צושטעלן קריטישע שטיצע פאר היימלאזע יונגע ערוואקסענע. איך בין גאר פרייליך אז קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף די גאר-נויטיגע נייע איינריכטונג."

**עני טירשוועל, פרינסיפעל פון Type A Projects, האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר די באמיאונגען פון אזויפיל פון אונזער אגענטור'ס קאלעגען ביי די HCR און HPD וועמענ'ס צוזאמענארבעט און פירערשאפט דורכאויס די ערשטע שטאפלען פון אונזער פראיעקט האט געברענגט די דעוועלאפמענט צו אויסגעפירט ווערן. זייער איבערגעגעבנקייט און שטיצע וועט ברענגען אן אומשאצבארע טויש אין די לעבנס פון אזויפיל פון אונזער סיטי'ס יונגע ערוואקסענע מיט דאס שאפונג פון

פערמאנענטע היימער און פון אויסגעצייכנטע אויפן-ארטיגע סערוויסעס ווערנדיג צוגעשטעלט דורך אונזער דעוועלאפמענט שותף, Homeward NYC."

**פיטער באָובאריס, דעוועלאפמענט דירעקטאר ביי Azimuth Development Group, האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ און באגייסטערט צו זיין א חלק פון די נויטיגע און מיטפילנדע פראיעקט. שאפנדיג האַוזינג פון הויכע קוואליטעט וואס ברענגט אויך פערמאנענטע שטיצע און הילף פאר די יונגערע דור וועט ברענגען א בענעפיט פאר די צוקונפט פון די איינוואוינער וועלכע באקומען די סערוויסעס און פאר די צוקונפט פון די גאנצע קאמיוניטי."

**דזשענעט ק. ראָפינס, טשיעף עקזעקיטיוו אפיסער פון Homeward NYC, האט געזאגט,** "Homeward NYC איז שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל, די האוזינג אויפהאלטנוג און אנטוויקלונג, KeyBank, האדסאן האוזינג און ענטערפרייז קאמיוניטי שותפים (Hudson Housing and Enterprise Community Partners) פאר די פינאנצירונג, Type A Projects און Azimuth Development Group פאר די דעוועלאפמענט און Kossar + Gary Architects, LLP פאר די דעזיין. די צוזאמענארבעט דעמאנסטרירט די סטעיט'ס געמיינזאמע איבערגעגעבנקייט צו דינען די באזייטיגטע באפעלקערונג, סיי אלץ קלוגע פאליסי און סיי אלץ די ריכטיגע זאך צו טוהן. נוצנדיג א מאדעל וואס לייגט האַוזינג ערשט, קענען היימלאזע יונגע מענטשן קענען כאפן אן אטעם, בויען סקילס, זיך היילן פון טראומא און זיי גיבן די שטארקייט זיך צו פאראויס רוקן מיט זייערע לעבנס. LGBTQ יונגווארג און יונגע ערוואקסענע פארמעסטן זיך מיט היימלאזיגקייט פיל מער פון אנדערע אין זייער עלטער. זיי ווערן אפט היימלאז אין א יונגערע עלטער און בלייבן היימלאז פאר לענגער. שטיצנדע האוזינג (דאס איז די האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן מיט די אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס) איז א וויכטיגע חלק פון די קאמף צו ברענגען אן ענדע צו כראנישע היימלאזיגקייט."

**עריק סטיינבערג, סיניאר וויצע פרעזידענט פון KeyBank קאמיוניטי אנטוויקלונג פארבארגונג און אינוועסטירונג (KeyBank Community Development Lending and Investment), האט געזאגט,** "KeyBank איז באגייסטערט צו ארבעטן צוזאמען מיט די HCR און מיט די דעוועלאפמענט שטאב צו פינאנצירן די טראנספארמאטיווע און וויכטיגע פראיעקט. מיר זענען גאר איבערגעגעבן צו העלפן נאכגעלאזטע באפעלקערונגען, און מיר זענען שטאלץ צו זיין א שותף מיט ברענגען נייע, זיכערע און בכבוד'דיגע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר היימלאזע יונגווארג וועלכע אידענטיפיצירן זיך אלץ LGBTQ."

**סעם גענעישאַן, מענעדזשינג דירעקטאר פון Hudson Housing Capital, האט געזאגט,** "Hudson Housing Capital איז שטאלץ צו זיין א שותף מיט Homeward NYC, מיט Type A Projects און מיט Azimuth Development Group צו פינאנצירן שטיצנדע האוזינג פון הויכע קוואליטעט ביי Homeward Central Harlem. די פראפערטי וועט גיבן פאר טייל פון די סיטי'ס שוואכסטע איינוואוינער א זיכערע פלאץ וואו צו וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט. צו דעוועלאפען האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר יונגע מענטשן וועלכע מוטשענען זיך מיט היימלאזיגקייט פעהלט זיך אויס צו ארבעטן צוזאמען און שותפות, און מיר דאנקען און לויבן אלע וועלכע זענען פארמישט, אריינרעכענענדיג אונזער אינוועסטירער, Santander Bank."

**באַגא האַלם, וויצע פרעזידענט און ניו יארק מארקעט פירער פון Enterprise Community Partners, האט געזאגט,** "Enterprise איז געווען שטאלץ צו גיבן א 1.8 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר Homeward NYC - Central Harlem וואס שאפט 50 יוניטס פון גאר-נויטיגע פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר יונגע ערוואקסענע און שטעלן צו ברייטע אויפן-ארטיגע סאָושעל סערוויסעס אנגעהויבן פון געזונטהייט און וואוילזיין סערוויסעס ביז דזשאב גרייטקייט אין א LGBTQ-פריינטליכע

אטמאספערע. אין די צייט ווען ניו יארק סיטי'ס האוזינג אומסטאביליטעט קריזיס וואקסט גאר שנעל צוליב די פאנדעמיע און די עקאנאמישע קאנסעקווענצן דערפון, וועלן די נייע היימער פאר צוגענגליכע היימער ברענגען א באלדיגע פארבעסערונג. מיר לויבן אויס Homeward, Type A Projects, Azimuth Development, די סטעיט און אלע שותפים וועלכע זענען געווען פארמישט מיטן רוקן דעם פראיעקט אויף פאראויס אין אזא שווערע צייט פאר נידעריגע-איינקונפט ניו יארק סיטי איינוואוינער."

**אסעמבלי מיטגלידערין איינעז אי. דיקענס האט געזאגט,** "איך בין איבערגענומען פון פרייד און באגייסטערונג צו געוואויר ווערן אז קאנסטרוקציע אויף Homeward Central Harlem איז אונטערוועגנס צו צושטעלן זיכערע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר יונגע מיטגלידער פון די LGBTQ קאמיוניטי אין אונזער געגנט. איך געדענק קלארערהייט די שוידערליכע געשיכטעס פון יונגע מענטשן ווערנדיג ארויסגעווארפן פון זייערע היימער, ווערנדיג טייל פון די היימלאזע קאמיוניטי, פיזיש אטאקירט, סעקסועל אביוזד און – אין טייל פעלער – אומגעברענגט צוליב זייער סעקסועלע אידענטיטעט. צו וויסן אז מיר וועלן יעצט צושטעלן א היים פאר די שיינע יונגע מענטשן אין אן אטמאספערע וואו עס וועט זיין שטיצע, ווארעמקייט און פארשטאנד מאכט מיך שטאלץ צו פארטרעטן האַרלעם און צו פארזעצן צו קעמפן פאר פינאנצירונג פאר פראגראמען ווי די אין די סטעיט לעגיסלאטור."

**קאַרמען נילי, פרעזידענט און CEO פון Harlem Pride (האַרלעם שטאלץ), האט געזאגט,** "טראץ די גרויסע פארשריט וואס די LGBTQ ציווילע רעכטן באוועגונג האט געמאכט אין די פארגאנגענע צען יאר, גייען פילע LGBTQ יונגע מענטשן נאכאלץ אריבער היימלאזיגקייט אלץ רעזולטאט פון ווערן צוריקגעוויזן דורך פאמיליע און קאמיוניטי, אריינרעכענענדיג דא אין האַרלעם.איך באדאנק גאווערנאר האוקאל פארן אינוועסטירן אין אונזער קאמיוניטי'ס יונגווארג כדי זיי זאלן האבן א געלעגנהייט צו זיין זיך אליין און זיך אליין שטיצן בשעת'ן זיין ארומגענומען דורך א ווארעמע קאמיוניטי."

###